# גליון בת עין

דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון פט · שנה ב

פרשת שמיני

תשפ"ה


# פרשת שמיני

## תוכן הדרוש


[א] לשון הפסוק. / די רמז אינעם נאמען פון א חֲזִיר. / די חזיר אלץ א רמז אין עבודת השם. / עִיכּוּב הַגְּאוּלָה.

[ב] די בְּחִינַת אֱמֶת. / די עבודה פונעם מענטש בִּבְחִינַת אֱמֶת. / דורך די בחינת אמת וועט זיין די גאולה.


## [א]

## לשון הפסוק

**וְהוּא גֵרָה לֹא יִגָּר**[א] אבער די עסנווארג וואס ווערט געשלעפט [גֵרָה] טוט ער נישט שלעפן [לֹא יִגָּר].

## פארווארט

הרה"ק ר' מרדכי מלעכעוויטש האט אמאל געפרעגט זיין טאטע הרה"ק ר' נח פון לעכעוויטש אז חז"ל זאגען אונז אז די וועלט שטייט אויף די 36 באהאלטענע צדיקים, איז אויב אזוי זענען די צדיקים פון די דור נישט אריינגערעכנט אין זיי, ווייל זיי זענען דאך באקאנטע צדיקים, איז ווי אזוי קען עס זיין ?

האט אים זיין טאטע געענטפערט 'אוי איז צו די בושה אויב די גרויסקייט פון די צדיקים איז נאר וואס אונז זעהן מיט אונזערע אויגן זייער עבודה, די צדיקים זענען אסאך מער פון וואס אונז זעהן מיט אונזערע אויגן, די 'פנימיות' פון זייער עבודה איז אסאך אסאך מער, ממילא ווערן זיי אויך גערעכנט פאר צדיקים נסתרים ווייל זיי זענען מער באהאלטן פון אונז ווי וואס אונז ווייסען וועגן זיי'.

די מעשה זאגט אונז אסאך זאכען, אבער מיר קענען ארויסלערנען א מוסר השכל דערפון אז ס'איז דא א חלק עבודת השם טיף טיף באהאלטן אין אונז, ווען אונז שטארקן זיך מיט געוויסע מידה ווי למשל 'אמת', נישט צו זאגען ליגענט, דעמאלסט וועט זיך אויך אונזער פנימיות (אינערליכע עבודה) און השגה אין עבודת השי"ת זיך שטארקן, און לויט אונזער עבודה בחיצוניות אזוי וועט זיך שטארקן אונזער עבודה בפנימיות, און די עבודה בפנימיות איז אסאך מער גרעסער און חשובער און וועט ערמעגליכען אונז זאלן קענען שטייגן מער און מער. כי 'בקרובי' אקדש.

## די רמז אינעם נאמען פון א חֲזִיר

**וְאִיתָא בְּסֵפֶר אוֹר הַחַיִּים** (עה"פ) **תְּנַאי הוּא בַּדָּבָר** און ס'שטייט אין אוֹר הַחַיִּים הקדוש אויף די פסוק אז די תורה זאגט אונז דא א תנאי, **כָּל זְמַן שֶׁהוּא לֹא יִגָּר** אז ווי לאנג די חזיר איז נישט מעלה גרה טאר מען אים נישט עסן, **אֲבָל לֶעָתִיד לָבֹא יַעֲלֶה גֵּרָה וְיַחְזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** אבער לֶעָתִיד לָבֹא ווען משיח וועט קומען און דער חזיר וועט צוריק אנהייבן צו זיין מעלה גרה וועט עס צוריק ווערן מותר.

> וְהוּא גֵּרָה לֹא יִגָּר.
>
> **וְאִיתָא בְּסֵפֶר אוֹר הַחַיִּים** (עה"פ), **תְּנַאי הוּא בַּדָּבָר, כָּל זְמַן שֶׁהוּא לֹא יִגָּר, אֲבָל לֶעָתִיד לָבֹא יַעֲלֶה גֵּרָה וְיַחְזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר.**
>
> **כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל**[א] **לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ חֲזִיר, שֶׁעָתִיד לַחֲזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר.**
>
> **וּלְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ עֲבוֹדָה לַה', דְּהִנֵּה עִנְיַן הַחֲזִיר שֶׁמַּרְאֶה טְלָפָיו שֶׁהוּא כָּשֵׁר** (בר"ר סה, א).
>
> א. עיין פירוש רקנטי עה"ת שמיני כג ב, רבינו בחיי שמיני יא, ז. ועיין עוד בעשרה מאמרות להרמ"ע מפאנו (מאמר חקור דין ח"ד פי"ג): כטהרת החזיר שעתיד הקב"ה לחדש בריאתו בשני סימנים, שעכשיו אינו אלא מפריס פרסה, והוא עתיד להעלות גרה, ומה שהעיד הכתוב עליו 'והוא גרה לא יגר' איננו עתיד כדברי הקמחי, אלא פועל עבר הוא.

**כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ חֲזִיר** אזוי ווי חז"ל זאגן פארוואס ווערט עס אנגערופן מיטן נאמען 'חֲזִיר', **שֶׁעָתִיד לַחֲזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** ווייל די ווארט 'חֲזִיר' איז טייטש צוריקערן און די חֲזִיר גייט זיך צוריקערן און ווערן מותר.

## די חזיר אלץ א רמז אין עבודת השם

**וּלְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ עֲבוֹדָה לַה'** און צו פארשטיין די ענין אויף א וועג פון עבודת השם, **דְּהִנֵּה עִנְיַן הַחֲזִיר שֶׁמַּרְאֶה**

א. די לשון הפסוק איז ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא ושסע שסע פרסה **וְהוּא גֵּרָה לֹא יִגָּר** טמא הוּא לָכֶם.

**טְלָפָיו שֶׁהוּא כָּשֵׁר** (בר"ר סה, א) ווייל די ענין פארוואס דער חֲזִיר ווייזט זיינע פיס אז עס האט כשר'ע סימנים און אז ער איז כשר.

**פֵּירוּשׁ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּרְאֶה אֶת עַצְמוֹ לִבְנֵי אָדָם בַּחֲלַקְלַקּוֹת לְשׁוֹנוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא אוֹהֲבָם** דאס מיינט אז עס איז דא מענטשן וואס ווייזן זיך מיט זייערע געשליפענע צונג פאר אנדערע מענטשן ווי אזוי ער איז זייער פריינד, **אֲבָל לִבּוֹ בַּל עִמָּהֶם** אבער זיין הארץ איז נישט מיט זיי.

**וְהוּא בְּחִינַת הַחֲזִיר** און ער איז אין די בחינה פון א חֲזִיר, **שֶׁמַּרְאֶה בְּחִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ לְפָנִים שֶׁהוּא טוֹב וְכָשֵׁר וּמַפְרִיס פַּרְסָה** וואס דער חֲזִיר ווייזט זיך פון דרויסן אז ער זאל אויסזעהן גוט און כָּשֵׁר און אז ער האט געשפאלטענע קלאען, **אֲבָל 'גֵּרָה לֹא יִגָּר'**[ב] אבער די תורה זאגט אונז אז דער מענטש טוט נישט מַעֲלֶה גֵּרָה זיין און טוט נישט ארויפברענגען די עסן, **הַיְינוּ בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ בְּלֵב וְנֶפֶשׁ אֵינוֹ כֵּן** דאס מיינט צו זאגן אז אינוועניג אין זיין הארץ און נפש איז ער נישט אזוי ווי ער ווייזט זיך פונדרויסן, **אֶלָּא הוּא שׂוֹנְאוֹ** נאר ער האט אים פיינט.

> פֵּירוּשׁ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּרְאֶה אֶת עַצְמוֹ לִבְנֵי אָדָם בַּחֲלַקְלַקּוֹת לְשׁוֹנוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא אוֹהֲבָם, אֲבָל לִבּוֹ בַּל עִמָּהֶם.
>
> וְהוּא בְּחִינַת הַחֲזִיר, שֶׁמַּרְאֶה בְּחִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ לְפָנִים שֶׁהוּא טוֹב וְכָשֵׁר וּמַפְרִיס פַּרְסָה.
>
> אֲבָל 'גֵּרָה לֹא יִגָּר'[ב], הַיְינוּ בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ בְּלֵב וְנֶפֶשׁ אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא הוּא שׂוֹנְאוֹ.
>
> וְזֶהוּ עִיכּוּב הַגְּאוּלָה, שֶׁאֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר. הַיְינוּ שֶׁיַּעֲלֶה גֵּרָה, וְיִהְיֶה פְּנִימִיּוּת לִבּוֹ כְּמוֹ שֶׁמַּרְאֶה בִּטְלָפָיו[ג], וְהוּא בְּחִינַת אֱמֶת, בְּחִינַת אוֹת וָא"ו. כִּדְאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת (ח"ג ב.) שֶׁאוֹת וָא"ו הוּא אוֹת אֱמֶת[ד].
>
> וְזֶה יָדוּעַ (ברכות כא:) שֶׁכָּל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה אֵין פָּחוֹת מֵעֲשָׂרָה,
>
> ב. דהעלאת גרה היא סימן טהרה פנימי, 'וגרה לא יגר' היינו שבפנימיותו אינו אוהבו אלא שונאו.
>
> ג. היינו שיהיה לו סימן טהרה פנימי, העלאת גרה, כפי שמראה בטלפיו סימן טהרה חיצוני.
>
> ד. בזוה"ק שם: וכן ברחב מה כתיב (יהושע ב, יב) 'ונתתם לי אות אמת', דא את ו', דדא אקרי אות אמת, ואי תימא שאר אתוון לאו אינון אמת, אין, אלא אות דא אות אמת אקרי.

## עִיכּוּב הַגְּאוּלָה

**וְזֶהוּ עִיכּוּב הַגְּאוּלָה** און דאס טוט צוריקהאלטן די גאולה, **שֶׁאֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר** ווייל בֶּן דָּוִד (משיח) קען נישט קומען ביז די חֲזִיר וועט ווערן טָהוֹר און מותר, **הַיְינוּ שֶׁיַּעֲלֶה גֵּרָה** דאס מיינט אז ס'וועט ווערן מַעֲלֶה גֵּרָה, **וְיִהְיֶה פְּנִימִיּוּת לִבּוֹ כְּמוֹ שֶׁמַּרְאֶה בִּטְלָפָיו**[ג] און ער וועט זיין אינעווענדיג אין זיין הארץ אזוי ווי ער ווייזט פון דרויסן מיט זיינע קלאען.

[ב]

## די בְּחִינַת אֱמֶת

**וְהוּא בְּחִינַת אֱמֶת** און דאס איז די בחינה פון אֱמֶת, **בְּחִינַת אוֹת וָא"ו** וואס אֱמֶת איז די בחינה פון די אות 'ו', **כִּדְאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת** (ח"ג ב.) **שֶׁאוֹת וָא"ו הוּא אוֹת אֱמֶת** אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אין מערערע פלעצער אז די אות 'ו' איז די אות פון אֱמֶת.

**וְזֶה יָדוּעַ** (ברכות כא:) **שֶׁכָּל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה אֵין פָּחוֹת מֵעֲשָׂרָה**[ד] און דאס איז באקאנט אז יעדע בחינה פון קדושה איז נישט ווייניגער פון צען, **וְכָל פְּרָט וּפְרָט כָּלוּל מֵעֲשָׂרָה** און יעדע פרט און פרט פון קדושה האט

ב. ווייל די ענין פון 'מעלה גרה' איז א סימן פון א אינערליכע סימן טהרה פון די בהמה, אבער דער מענטש וואס איז אינוועניג אין זיין הארץ אנדערש ווי ער ווייזט זיך פונדרויסן ווי די תורה זאגט 'וגרה לא יגר' האט נישט די סימן טהרה.

ג. דאס מיינט אז ער וועט האבן די אינערליכע סימן טהרה פון מעלה גרה, אזוי ווי ער ווייזט א סימן טהרה מיט זיינע פיס פונדרויסן, דאס מיינט אז ער וועט נישט זיין אנדערש פונדרויסן פון וואס ער איז אינוועניג.

ד. אזוי ווי אונז ווייסען אז מ'קען קען נישט זאגן קיין שום דבר שבקדושה מיט ווייניגער ווי 10 מענטשן צוזאמען, דאס מיינט אז די נומער 'צעהן' ברענגט מיט זיך א העכערע קדושה, איז אזוי ווי אימער ס'איז דא אין זיך א בחינת קדושה מוז זיין אז ס'איז דא עפעס א בחינה פון די נומער 'צעהן', כאטש די נומער 'צעהן' איז נישט אפען, איז עס אבער פארהאן אויף עפעס באהאלטענעם וועג.

און אזוי אויך ווען אונז קוקען אויף גימטריא פון אותיות, איז אפילו די אותיות וואס זענען ווייניגער פון די נומער 'צעהן', למשל די אותיות פון א' ביז י', טוט א יעדע נומער טראגן אין זיך א געוויסע כח פון די נומער צעהן. למשל לאמיר נעמען די קדושה פון אות 'א' וואס א' איז בגמטריא איינס, אבער כדי צו האלטן אין זיך די בחינה פון קדושה מוז אבער די נומער איינס פארמאגן זיך עפעס א בחינה פון די נומער 'צעהן' און אזוי ברענגט עס אראפ די קדושה. און אזוי ווייטער ביי אלע אותיות.

וְכָל פְּרָט וּפְרָט כָּלוּל מֵעֲשָׂרָה, עַד שֶׁעוֹלֶה לְמֵאוֹת וְלַאֲלָפִים כַּיָּדוּעַ.

וְכֵן הוּא אֵצֶל הָאָדָם שֶׁמְּדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בִּבְחִינַת אֱמֶת בִּבְחִינַת חִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ, וְנִתְדַּבֵּק בְּאוֹת וָא"ו, נַעֲשָׂה מִן וָא"ו עֲשִׂירִית, וְעוֹלֶה עַד לְמֵאוֹת, וְנַעֲשָׂה שֵׁשׁ מֵאוֹת. וּבְחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ שֶׁנִּתְדַּבֵּק בִּבְחִינַת אֱמֶת, בְּחִינַת אוֹת וָא"ו, עוֹלָה לַאֲלָפִים[ה].

וְאֶפְשָׁר לָזֶה רָמַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי ע"ה בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זח"א קיז.) עַד שֶׁיַּגִּיעַ לִבְחִינַת שֵׁשׁ מֵאוֹת בְּאֶלֶף הַשִּׁשִּׁי[ו]. הַיְינוּ שֶׁיִּתְדַּבֵּק בִּבְחִינַת אוֹת וָא"ו, אוֹת אֱמֶת בְּחִיצוֹנִיּוּת וּבִפְנִימִיּוּת.

וְהוּא בְּחִינַת שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר, אָז בְּוַדַּאי יִהְיֶה הַגְּאוּלָּה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

ה. היינו דחיצוניות האמת נעשית שש מאות, ופנימיות האמת נעשית ששת אלפים.

ו. בזוה"ק שם: ובשית מאה שנין לשתיתאה, יתפתחון תרעי דחכמתא לעילא, ומבועי דחכמתא לתתא, ויתתקן עלמא לאעלא בשביעאה, כבר נש דמתתקן ביומא שתיתאה מכי ערב שמשא לאעלא בשבתא, אוף הכי נמי.

אין זיך אין די מספר פון צעהן, **עַד שֶׁעוֹלֶה לְמֵאוֹת וְלַאֲלָפִים כַּיָּדוּעַ** ביז די חשבון גייט ארויף צו הונדערטער און טויזענטער ווי ס'איז באקאנט אין די ספרי קבלה.

## די עבודה פונעם מענטש בִּבְחִינַת אֱמֶת

**וְכֵן הוּא אֵצֶל הָאָדָם שֶׁמְּדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בִּבְחִינַת אֱמֶת בִּבְחִינַת חִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ**[ה] און אזוי איז אויך מיט א מענטש וואס באהעפט זיך מיט די מדה פון אֱמֶת אין זיינע דרויסענדיגע בחינות, **וְנִתְדַּבֵּק בְּאוֹת וָא"ו** און ער באהעפט זיך מיט די אות ו' – וואס די אות ו' איז דאך די נומער זעקס, **נַעֲשָׂה מִן וָא"ו עֲשִׂירִית** דעמאלסט ווערט פון יעדע פרט (נומער) פון די אות ו' א בחינה פון 'עֲשִׂירִית' (וואס דאס איז זעקס מאל צעהן – 60 = 10*6), **וְעוֹלֶה עַד לְמֵאוֹת** און אזוי גייט די חשבון ארויף ביז די הונדערטער (ווייל יעצט גייט מען רעכנען 10 + 60 = 600) **וְנַעֲשָׂה שֵׁשׁ מֵאוֹת** און ס'ווערט זעקס הונדערט.

**וּבְחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ שֶׁנִּתְדַּבֵּק בִּבְחִינַת אֱמֶת** און ווי שטערקער דער מענטש איז זיך אינערליך מחזק מיט די מידה פון אמת, **בְּחִינַת אוֹת וָא"ו** וואס אמת איז די בחינה פון די אות ו', **עוֹלָה לַאֲלָפִים** קען די בחינה ארויפגיין בִּפְנִימִיּוּת ביז די בחינה פון טויזענטער.

## דורך די בחינת אמת וועט זיין די גאולה

**וְאֶפְשָׁר לָזֶה רָמַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי ע"ה בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (זח"א קיז.) **עַד שֶׁיַּגִּיעַ לִבְחִינַת שֵׁשׁ מֵאוֹת בְּאֶלֶף הַשִּׁשִּׁי**[ו] און אפשר צוליב דעם האט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי עליו השלום מרמז געווען אין זוהר הקדוש אז די טויערן פון חכמה וועט זיך אויפמאכן ווען עס וועט דערגרייכן די בחינה פון שֵׁשׁ מֵאוֹת אינעם אלף הששי.

**הַיְינוּ שֶׁיִּתְדַּבֵּק בִּבְחִינַת אוֹת וָא"ו** דאס מיינט צו זאגן אז ער זאל זיך באהעפטן און זיך פירן מיט די בחינה פון די אות ו', **אוֹת אֱמֶת בְּחִיצוֹנִיּוּת וּבִפְנִימִיּוּת** וואס דאס איז די אות פון אֱמֶת 'בְּחִיצוֹנִיּוּת' [פונדרויסן מיט זיין התנהגות] 'וּבִפְנִימִיּוּת' [און פון אינעווענדיג אין זיין הארץ], **וְהוּא בְּחִינַת שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר** און דאס איז די בחינה וואס עס שטייט אז די חזיר וועט ווערן טהור, **אָז בְּוַדַּאי יִהְיֶה הַגְּאוּלָּה** און דעמאלסט וועט זיכער זיין די גאולה, **בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

ה. דאס מיינט מיט זיין רעדן און מעשים פירט ער זיך אויף מיט די מדה פון אמת.

ו. אין זוהר הקדוש שטייט אז אזוי ווי א מענטש גרייט זיך צו אינעם זעקסטן טאג אריינצוגיין אין זיבעטן טאג - שבת, אזוי אויך וועט אינעם יאהר 600 פון די אלף הששי זיך אויפמאכען די טויערן פון חכמה און ס'וועט צוגרייטן די וועלט אריינצוגיין אינעם אלף השביעי.

לע"נ
הרה"ק **'אוהב תורה'** ר' **אריה לייב** ב"ר **שלום** מוואליטשיסק זצ"ל יומא דהילולא קדישא כ"ו ניסן.
אשר קברו נמצא במערת צורים במערת הקדושים בעל ערבי נחל ורבינו בעל הבת עין ועוד צדיקים וקדושים. זכותו יגן עלינו

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען ווענכטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com